בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

## אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ

רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

תרומה

ח' אדר א' תשפ"ד


די צייטן לויט אופק ירושלים

זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:51 |
| מוצש"ק | 6:04 |
| ר"ת | 6:43 |

סוף זמן קריאת שמע ותפילה

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:22 | סוז"ת א' | 9:32 |
| סוזק"ש ב' | 9:07 | סוז"ת ב' | 10:02 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער


גליון מס':

ס"ט

שנה ב'


## טיב הפרשה

# ויקחו לי תרומה

### א ריינע תרומה אן קיין שום פניה

די וואכענדיגע פרשה הייבט זיך אן מיט די ווערטער 'ויקחו לי תרומה', אז הקב"ה זאגט פאר משה רבינו אז ער זאל איבערזאגן פאר די אידן אז מען גייט בויען א משכן און ווער עס וויל האבן א חלק אין בויען די משכן זאל ברענגען זיין תרומה.

ווען מען איז זיך מתבונן אין דער לשון פון ויקחו לי תרומה ווערט עס שווער. לכאורה וואלט זיך מער געפאסט אז עס זאל שטיין 'ויתנו לי תרומה', אז מען זאל געבן געבן א תרומה, נישט אז מען זאל נעמען א תרומה.

אויך שפעטער ווען דער פסוק זאגט 'תקחו את תרומתי' איז דער לשון אומפארשטענדליך, עס וואלט ווען געווען בעסער אז עס זאל שטיין 'תקחו תרומתי'.

נאר עס קען זיין אז די תורה וויל אונז דא מרמז זיין אויף דער וועג וויאזוי די תרומה האט גedארפט זיין. מיר ווייסן דאך אז די משכן איז געבויט געווארן פון ריינע געלט, אזעלכע געלט וואס איז געקומען פון א ריינע נדיבות הלב, אן וואס עס זאל זיין אריינגעמישט אין איר קיין שום זייטיגע נגיעות, אויך נישט א נגיעה פון עבודת ה' און דאס איז די תורה מרמז דא.

ווי חז"ל זאגן עס און עס ווערט אראפגעברענגט אין רש"י פרשת פקודי אויף די ווערטער 'משכן העדות' איז די משכן געבויט געווארן אז עס זאל זיין א כפרה פאר'ן כלל ישראל אויף די חטא העגל, און ווי רש"י זאגן אויפ'ן ארט הייסט עס וועגן דעם 'העדות' ווייל עס איז געווען אן עדות פאר די אידן אז הקב"ה האט מכפר געווען די מעשה העגל.

עס האט זיך געקענט טרעפן ביי די אידן א איד וואס זאל טראכטן צו זיך – איך האב טאקע נישט קיין זייטיגע כוונה, אבער איך וויל יא געבן אסאך, אז מיין כפרה זאל זיין א גאנצע אדער א שלימות'דיגע, אבער אויסצושליסן אזא סארט מחשבה, האט די תורה הק' אנגעזאגט דעם איד אז די כוונה מיט די תרומה זאל זיין ריין למען כבוד שמו יתברך, אויך נישט


>>> | המשך אין עמוד ב' |


## טיב המערכת

# תֵּעָשֶׂה הַמְּנוֹרָה

עס איז געווען איינער פון די גדולי ישראל וועלכער האט זיך געפירט אז יעדן מאל וואס עס איז אים איינגעפאלן א חידוש, פלעגט ער עס גלייך אראפשרייבן כדי ער זאל עס נישט פארגעסן. ווען זיינע תלמידים האבן אים אין א געלעגנהייט געפרעגט פארוואס דאס ברענט אים אזוי שטארק, האט ער זיי ערקלערט, אז ער האט מורא אז ווען ער וועט ארויפקומען אין הימל נאך זיין הונדערט און צוואנציג, וועט מען ווייזן א הויפן מיט ספרים און מען וועט קומען צו אים מיט א פאדערונג, אז אט די אלע ספרים וואלט ער געדארפט צוזאמשטעלן...

דער אויבערשטער האט געזאגט צו משה רבינו אז ער זאל מאכן די מנורה, אבער וויבאלד ער האט געהאט א שוועריגקייט עס צו מאכן, האט דער אויבערשטער געזאגט צו אים אז ער זאל נעמען די גאלד און עס אריינווארפן אין פייער און די מנורה וועט פון זיך אליין געמאכט ווערן, און די קנעפלעך און בלומען און בעכערלעך און שטעקעלעך וועלכע קומען ארויס פון איר, האט ער געקלאפט מיטן האמער און עס איז געווארן געמאכט פון זיך אליין, און דעריבער שטייט אין פסוק "מִקְשָׁה תֵּעָשֶׂה הַמְּנוֹרָה" און עס שטייט נישט "תַּעֲשֶׂה", דאס מיינט אז פון זיך אליין וועט עס געמאכט ווערן.

דאס איז פאר אונז א גרויסער לימוד, אז יעדער איינער זאל טון יעדער זאך לויט אונזער מעגליכקייט און נישט מער דערפון, ווייל קיינער וועט נישט קומען צו דיר מיט טענות פארוואס דו האסט נישט געענדיגט ש"ס יעדן יאר, אדער פארוואס דו האסט נישט פארפאסט טויזנטער ספרים, מען וועט אבער יא קומען צו דיר מיט טענות אויף זאכן וואס דו וואלטסט געקענט טון, און דו האסט עס אפילו נישט פראבירט צו טון. מען האט נישט פארלאנגט פון דיר צו ענדיגן די ארבעט, אבער פארוואס האסטו נישט אנגעהויבן? פארוואס האסטו נישט פראבירט?

איינע פון די סיבות דערצו, וואס דער מענטש הייבט אפילו נישט אן און פראבירט אפילו נישט צו טון זאכן, איז דערפאר וואס ער האט גאוה, און ער קען זיך נישט פאָרשטעלן אז ער וועט עפעס טון און וועט עס נישט קענען אויספירן אזוי ווי עס דארף צו זיין, אדער אז אן אנדער מענטש וועט עס ענדיגן און ער וועט באקומען דעם גאנצן לויב. אבער אויב דער מענטש וועט זיך פירן מיט די מדה פון ענוה, וועט אים גרינג זיין, וויבאלד ער וועט נישט זוכן דעם רעזולטאט, נאר ער וועט פראבירן טון און אויספירן דאס וואס עס ליגט אויף אים, און דאס איז, צו אנהייבן, צו פראבירן, און דאס איבעריגע טוט דאך דער אויבערשטער, מיט דיר אדער אן דיר.

אויף משה רבינו זאגט דער פסוק "וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָו מְאֹד מִכֹּל הָאָדָם אֲשֶׁר עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה", און דעריבער האט ער געקענט דערגרייכן אזא גרויסע מדריגה פון זיין אינגאנצן בטל צום רצון הבורא, און דורכדעם האט ער זוכה געווען אז טראצדעם וואס ער האט נישט געוואוסט וויאזוי צו מאכן די מנורה, פונדעסטוועגן איז עס געמאכט געווארן דורך אים און עס ווערט אנגערופן אויף זיין נאמען.

(עפ"י טיב התורה - תרומה)


טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות

פון מורנו ורבנו שליט"א – אין א עקסטערע נומער

אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320



יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

צוליב אזא זאך.

טראץ וואס אלע מצוות דארפן געמאכט ווערן לשמה, אז מען זאל אינזינען האבן ביי איר לשם ה' דארף עס אבער די תורה אנזאגן דא עקסטער און שטערקער ווי אין אנדערע ערטער. ביי צדקה איז דא א דיעה וואס זאגט אז אפילו אויב מען געבט נישט לשמה איז מען יוצא די מצוה פון צדקה און ווי עס ווערט געברענגט אין בעל שם טוב הק' [פרשת ראה אות יב] אז צדקה איז אנדערש ווי אלע מצוות, ביי יעדע מצוה דארף איך דער לשמה, אבער ביי צדקה דארף איך עס ווייניגער, ווייל די פעולה פון צדקה, די הנאה פון דעם ארעמאן איז דא סיי ווען דער 'נותן' געבט עס לשמה און סיי ווען ער געבט עס 'שלא לשמה', אבער דאס איז זייער גוט ווען עס רעדט זיך פון צדקה פאר אן ארעמאן אבער ווען עס רעדט זיך פון צדקה פאר א בית השם איז עס אנדערש.

עס איז אנדערש ווייל אינדערצייט וואס ביי אן ארעמאן איז שייך די דערמאנטע סברא אז סוף כל סוף האט ער הנאה פון דאס געלט איז עס דא נישט שייך, ווייל דא האט מען דאך געגעבן די תרומה פאר הקב"ה און ביי הקב"ה איז דאך נישט שייך אז עס פעלט אים, אלעס געהער דאך צו אים, אבער הקב"ה האט יא געדארפט דאס הארץ און אז דאס הארץ זאל זיין גאנץ האט זיך אויסגעפעלט א ריינקייט, אז עס זאל נישט זיין קיין שום פניה, אויך נישט א פניה אז מען זאל האבן א כפרה, נאר ריין פאר די מצוה פון תרומה אליין.

די בחינה איז מרומז אין דער 'ויקחו' אז די 'קיחה' זאל אויך זיין פון הארץ.

אבער דער פסוק דרוקט דא אויך 'תקחו את תרומתי', ווייל ער וויל דיר אויסלערנען וויאזוי קען מען אנקומען צו אזא געהויבענע דרגה אז די נתינה זאל זיין בשלימות.

אז מען זאל קענען אנקומען צו אזא דרגה דארף זיין ביי א מענטש קלאר אז אלעס וואס ער האט איז בעצם נישט זיינער נאר עס געהער צום בורא כל העולמים, אז וואס ער האט אין זיין האנט איז נאר א פקדון וואס עס ליגט אוועקגעלייגט ביי אים.

אז מען לעבט אזוי געבט זיך עס אן קיין שווערקייט, ווען מען געבט אזוי דארף מען נישט מאכן קיין חשבונות צי דער געבן לוינט צי נישט. מען מאכט אפילו נישט קיין רוחניות'דיגע חשבונות ווי אז מען גייט האבן פון איר א כפרה, נאר מען קען געבן רואיג, מיט די גאנצע הארץ, און דאס איז מרומז אין דער 'תרומתי' אז מען ווייסט אז עס איז געלט פון דער בורא, אז עס איז נאר א פקדון, איז דער 'תקחו' מיט א גאנצקייט.

אין אזא וועג האט הקב"ה געוואלט אז מען זאל בויען די משכן, מיט א געפיל אז גארנישט פון דער מענטש איז נישט זיינער, נאר אלעס געהער פאר הקב"ה און מען לויבט און מען דאנקט אויף וואס מען האט, אז מיר האבן בכלל באקומען א מעגליכקייט צו קענען נעמען אנטייל אין די געוואלדיגע מצוה פון בויען א משכן.

די בחינה איז געווען ביים בויען דער משכן אבער עס איז בעצם דא איבעראל. דא האט הקב"ה ארויסגעזאגט אז ער וויל די לויטערקייט, ווייל ווען מען גייט בויען וואו עס איז דא השראת השכינה, פעלט זיך אויס אז מען זאל בויען אין אזא סארט וועג, אבער עס דארף אזוי זיין ביי יעדע מצוה.

עס דארף זיין קלאר ביי יעדן איד ווען ער טוט א מצוה אז אפילו אז אויף די וועלט זעט אויס אז ער טוט עפעס, אז ער מאכט א מצוה, איז אלעס אבער מכח פון הימל, ווייל אן הקב"ה קען קיין איינער נישט אויספירן קיין שום זאך אויף די וועלט.

אינאיינעם מיט די ידיעה דארף מען אויך פול מיט שבח והודיה פאר הקב"ה אז מען האט די זכיה צו זיין א חלק, צו מקיים זיין די מצוה, די רצון ה', אז מיר האבן בכלל אזא מתנה אז מיר קענען מקיים זיין רצונו און מיר וועלן נאך באקומען שכר אויף דעם, אפילו אז אויבנאויף זעט אויס ווי מיר טון גארנישט, וויבאלד אלעס ווערט געמאכט פון אויבן.

די גרויסע טובה וואס הקב"ה טוט מיט אונז זאגט שוין די משנה, רצה הקב"ה לזכות את ישראל לפיכך הרבה להם תורה ומצוות, ווייל אלעס וואס הקב"ה מאכט מיט אונז איז פאר אונזער טובה, אז מיר זאלן קענען שפעטער הנאה האבן פון דעם.

ויהי רצון אז מיר זאלן טאקע זוכה זיין אז אלע אונזערע מעשים זאל זיין נאר למען כבוד שמו יתברך און אז בקרוב זאל שוין נתגלה ווערן אויף אונז די כבוד שמים.

טיב ההשגחה

# מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

## חנוכה געלט פאר פורים

פאר לאנגע יארן בין שוין א מגיד שיעור אין א חשוב'ע ישיבה. געלויבט דער פון אויבן איז די געהאלט גאנץ שיין און לייטיש, אז איך דעק זיך זייער שיין אויפ'ן טאג טעגליכן לעבן.

עס האט זיך געמאכט אז איין טאג איז ארויפגעפאלן אויף מיר א שווערע און אן אומערווארטעטע הוצאה און איך האב נישט געהאט וואו עס צו באצאלן. איך האב געמוזט בארגן און די בארגעריי האט איך געמוזט באצאלן פון די געהאלט געלט און אזוי האט זיך געדרייט א שטיקל רעדל, ווען עס ענדיגט זיך נישט אזוי שנעל.

עס איז מיר געווארן ענג, און וואס טוט א איד ווען עס ווערט אים ענג? ער דאווענט צום בורא כל העולמים. מיין תפלה האב איך אנגעהויבן מיט א דאנק צום בורא כל העולמים אז ער האט מיר געהאלפן ביז היינט און איך האב ממשיך געווען צו בעטן אז די זאכן זאלן זיך יעצט אויסגלייכן.

די געשעעניש האט זיך אפגעשפילט טיף אינמיטן חודש אדר, ווען אין איין טאג קומט צו א בחור פון מיין שיעור און ער געבט מיר איבער אן ענוועלאפ מיט געלט.

ביים איבערגעבן האט זיך דער בחור צושמייכלט זאגנדיג אז דאס איז 'חנוכה געלט'.

איך האב מיטגעשמייכלט טראכטנדיג צו מיר עס איז דאך א חודש פון 'מרבין בשמחה' און ווארשיינליך זענען די בחורים שוין נשפע געווארן פון די זמן.

אבער ווען איך האב עס געעפנט האב איך געטראפן דארט א שיינער סומע געלט מיט א ברכה אויף חנוכה.

איך האב געדאנקט הקב"ה פאר די געלט, עס איז געווען א לייטישע סומע, איך האב עס געקענט נוצן, איך האב געשפירט ווי מיין תפילה איז געהערט געווארן אבער איך האב זיך זייער געוואונדערט וואס איז די מעשה מיט חנוכה.

איך האב אנגערופן דעם טאטן און נאכ'ן זיך באדאנקען פאר די נתינה האב איך אים א פרעג געטון דער באדייט פון די מעשה מיט די ענוועלאפ מיט די געלט.

"הער, איך בין א גרויסער צוהערער פון די שיעורים וואס מורינו רבי גמליאל ראבינאוויטש שליט"א געבט איבער. די וואך פארנדיג אין די קאר אויף א ווייטע וועג האב איך אויסגעהערט א שיעור פון אים. אינמיטן די שיעור האט ער מאריך געווען איבער די חשיבות פון געבן צדקה אין חנוכה. זיינע ווערטער האט מיר שטארק באנומען און איך האב זיך דערמאנט אז דער לעצטער חנוכה האב איך נישט געגעבן קיין צדקה און אויך נישט קיין געלט פאר די מגידי שיעור. איך האב באשלאסן ביי מיר אז עס איז נישט שפעט, איך שיק דיר דאס געלט".

איך האב הנאה געהאט פון די מעשה, ביי אים איז עס געווען א דערמאנונג, אבער ביי איז עס געווען א סימן פון הימל אז מען האט אויסגעהערט מיין געבעט.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: ש.מ, מאנסי]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# טיב המעשיות

# מִשֶּׁנִּכְנַס אֲדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה!

די הייליגע גמרא זאגט ביים סוף פון מסכת תענית (כט.) ווי פאלגנד: רב יהודה דער זון פון רב שמואל בר שילת האט נאכגעזאגט אין נאמען פון רב, אז פון ווען עס קומט אריין דער חודש אדר, זאל מען פארמערן מיט שמחה. און אזוי ווערט גע'פסק'נט להלכה אין מגן אברהם (תרפו, ה) און אין משנה ברורה (שם ס"ק ח).

די שמחה פון פורים פלאצט אויס און צוגיסט זיך איבערן גאנצן חודש, אזוי ווי עס שטייט אין די מגילה (אסתר ט, כב) "וְהַחֹדֶשׁ אֲשֶׁר נֶהְפַּךְ לָהֶם מִיָּגוֹן לְשִׂמְחָה וּמֵאֵבֶל לְיוֹם טוֹב", דאס מיינט אז דער גאנצער חודש איז באשטימט געווארן אלס א חודש פון שמחה און אלס א יום טוב.

צוליב דעם זעלבן טעם, ווערט געברענגט אין ירושלמי אינעם זעלבן מסכתא (פ"א ה"א) אז עס איז געלערנט געווארן אין נאמען פון רבי נתן, אז דער גאנצער חודש איז כשר צו קריאת המגילה, און דער טעם דערפאר איז, ווייל עס שטייט אין פסוק "וְהַחֹדֶשׁ אֲשֶׁר נֶהְפַּךְ לָהֶם מִיָּגוֹן לְשִׂמְחָה", זע דארט. אט די דעה ווערט געברענגט אין שולחן ערוך (תרפת, ז) אין די פאלגנדע הלכה: ווער עס גייט ארויס אין וועג איבערן ים, און דער וועלכער לאזט זיך ארויס אין וועג מיט א גרופע, און ער טרעפט נישט קיין מגילה מיטצונעמען אונטערוועגנס, איז דא וואס זאגן אז מען קען ליינען די מגילה אפילו פון אנהייב חודש. און אזוי ווי דער דעה ווערט גע'פסק'נט אין דער רמ"א און דארט אין די מפרשים.

אצינד, ליגט אויף אונז א פליכט, דורכאויס די גאנצע צייט, זיך צו באשעפטיגן מיט די שמחה פונעם הייליגן טאג פורים, הבא עלינו לטובה, און זיך ארייינלייגן מיט אונזער גאנצער זעל און הארץ, אין תורה און אין תפלה, און מיט אלעס וואס מיר טוען, אז עס זאל זיין איינגעטינקען און ארומגענומען אינערליך און אויסערליך מיטן פרייד און קדושה פונעם הייליגן יום טוב, אמן כן יהי רצון.

דעריבער האבן מיר זיך יעצט ארויסגעלאזט צו די טייערע ווינקלען פונעם פעלד, שפאצירנדיג צווישן די בלעטער פונעם גרויסן ספר פון מורינו ורבינו שליט"א, "טיב המועדים – פורים", און אהערשטעלן פון דארט פאסיגע ווערטער פאר אונזער גליון.

-> • <-

"חַיָּב אִינִישׁ לְבַסּוּמֵי בְּפוּרַיָּא עַד דְּלֹא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי" (מגילה ז:).

פילע ערקלערונגען און רמזים זענען געזאגט געווארן דערויף, אין אלע וועגן פון פרד"ס התורה – פארוואס האבן די הייליגע חכמים אזוי שטארק גרויסגעמאכט דעם חיוב פון שמחת פורים? פארוואס האט מען אונז באפוילן, זיך פרייענדיג אינעם הייליגן טאג פורים, דווקא צו פארמערן מיטן טרינקען וויין, און צו שיכור ווערן ביז מען ווערט אין די בחינה פון "עד דלא ידע", נאכמער ווי דער חיוב שמחה וואס איז פארהאנען אין די אנדערע ימים טובים?

נאר, דער געוואלדיגער ענין פון פורים און דעם געוואלדיגן השפעה וואס קומט ארויס דערפון, וועלן ערקלערט ווערן מיט א הערליכן דערציילונג וואס איז פארגעקומען ביים הייליגן בעל שם טוב זי"ע, אז איינמאל איז צו אים געקומען א חשוב'ע אידישע דעלעגאציע, וואס האט פארלאנגט פון אים, וויבאלד אין זייער ארט איז געווען א שווערע גזירה אויף די ארטיגע אידן, און זיי האבן אים שטארק געבעטן אז ער זאל מבטל זיין די גזירה.

דער הייליגער בעל שם טוב האט זיך שטארק פארטיפט אין אט דעם שווערן קוויטל, ביז ער האט ענדליך געזאגט: איר דארפט ארויספארן צו די און די שטאט, וואו איר זאלט צוגיין צו א איד מיטן נאמען "ר' יעקב", וועלכער וועט אייך זיכער קענען העלפן, און אייך בענטשן אז די גזירה זאל בטל ווערן.

ווי נאר זיי זענען אנגעקומען צו יענעם שטעטל, האבן זיי גלייך אנגעהויבן זיך נאכצופרעגן איבערן צדיק מיטן נאמען "רבי יעקב", ווענדיג באקומען פון אים די געוואונטשענע ברכה כדי צו מבטל זיין די גזירה. אין אנהייב האבן זיי געמיינט אז דער הייליגער בעל שם טוב האט געמיינט דעם רב פונעם שטעטל, אבער דער רב האט נישט געהייסן ר' יעקב. נאכן זיך שלעפן פון איין תלמיד חכם צום צווייטן, און נישט טרעפנדיג קיין תלמיד חכם מיט דעם נאמען, האבן זיי באשטימט ביי זיך אז ער איז ווארשיינליך איינער פון די באהאלטענע צדיקים, וואס ווי באוואוסט זענען זיי געווען שטארק פארבינדן צום הייליגן בעל שם טוב, וועלכער האט זיי געפירט און געשפייזט, און האט זיי געשיקט צו אלע ערליי פארהוילענע און באהאלטענע שליחות'ן.

אבער אויך נאכדעם וואס זיי האבן זיך נאכגעפרעגט צווישן אלע מענטשן פונעם שטעטל, און אויך פראבירט פרעגן די פשוט'ע אידן, האבן זיי נישט געפינען קיין איד מיטן נאמען "ר' יעקב". זיי האבן שוין כמעט אויפגעגעבן פון אים טרעפן, ביז זיי זענען ענדליך געוואויר געווארן, נאכן זוכן זייער גרונטליך, אז דער איינציגסטער "ר' יעקב" אין שטעטל, איז איינער א שיכור, וועלכער וואוינט אין אן אלטער הייזקע ביים ברעג שטאט, וועלכער איז קראנק אויפן ביטערן טראפן, און זיין גאנצן סדר היום גייט ארום דאס טרינקען...

גלייך ווען ער שטייט אויף אינדערפרי, שטעלט ער זיך אוועק דאווענען אן איילנדיגע שחרית, און גלייך דערנאך בעט ער זיין ווייב אז זי זאל אים דערלאנגען צו טרינקען, און ער ווארפט זיך ארויף אויפן טרינק אזוי ווי איינער וועלכער האט נאך קיינמאל נישט געטרינקען אין זיין לעבן... אזוי טרינקט ער עטליכע גלעזער, ביז ער ווערט שיכור ווי לוט, און ווייסט מער נישט וואס עס טוט זיך מיט אים, און אזוי פאלט ער אריין אין בעט שיכור'ערהייט, ביז ער וועקט זיך אויף פון זיין שלאף, און ביים אויפשטיין נעמט ער זיך ווייטער צום טרינקען... און אזוי פירט ער אריבער זיינע אלע טעג און דאס גאנצן לעבן מיטן פארשעמטן שכרות!

אבער וויבאלד עס האט זיך דארט אין שטעטל נישט געפינען קיין אנדערער איד מיטן נאמען "ר' יעקב" אויסער דער שיכור, האבן זיי געמוזט גיין צו אים. אין אנהייב האבן זיי געטראכט אז מעגליך איז ער פון די גאר באהאלטענע צדיקים, און אונטערן שלייער פונעם טרינקען טוט ער באהאלטן זיין געוואלדיגע צידקות, אבער ווען זיי האבן זיך דערנענטערט צו אים און האבן גוט נאכגעקוקט זיינע וועגן, האבן זיי גארנישט געפינען אין אים, אויסער דאס וואס ער האט זיך געפירט אז פון אינדערפרי ביז ביינאכט איז ער פארנומען מיטן טרינקען, און שטענדיג שלאפט ער איין פון פיל טרינקען, און אויסערדעם טוט ער גארנישט דורכן גאצן טאג!

עס איז געווען זייער שווער צו טראכטן אז אים האט דער הייליגער בעל שם טוב געמיינט, אבער וויבאלד קיין אנדערער רבי יעקב איז דארט נישט געווען, האבן זיי געמוזט צוגיין צו אים, לויטן באפעל פונעם הייליגן צדיק, און אים בעטן זיין ברכה.

נאר דא האבן זיי געהאט אן אנדער פראבלעם, אז צוליב זיין געוואלדיגע שכרות איז נישט מעגליך געווען צו טוישן מיט אים קיין ווארט, וויבאלד ער איז אלעמאל געווען שיכור ווי לוט, און מען האט גארנישט געקענט רעדן מיט אים. ביז עס איז זיי ענדליך געלונגען צו טרעפן אן עצה, אז איידער ער האט זיך אויפגעוועקט פון שלאף, האט מען באהאלטן אלע פלעשער משקה, און ווען ער האט זיך אויפגעוועקט און געבעטן צו טרינקען, איז דער גאנצער דעלעגאציע צוגעגאנגען צו אים, און קלארגעמאכט אז זיי וועלן אים גארנישט געבן צו טרינקען, ביז ער וועט זיי בענטשן אז די שלעכטע גזירה וואס שוועבט איבער זייער קהילה וועט אינגאנצן בטל ווערן!

האט זיך דער מענטש צולאכט ווי א שיכור, און זיך אנגערופן: נו, וואס גייט מיר דען אן, אז די גזירה זאל בטל ווערן? איך בענטש אייך אז די גזירה זאל בטל ווערן! נאר דער עיקר, געבט אהער די משקה! – ווען דער דעלעגאציע האט געהערט ווי די ברכה קומט קלאר ארויס פון זיין מויל, ווינטשנדיג אז די גזירה וועט בטל ווערן, האבן זיי אים דערלאנגט צו טרינקען, און זענען צוריק אהיימגעפארן, און ווירקליך, מיט עטליכע טעג שפעטער איז די גזירה אינגאנצן בטל געווארן, וליהודים היתה אורה.

דערנאך, ווען מען האט געפרעגט דעם הייליגן בעל שם טוב וועגן יענעם שיכור, ביי וועמען מען האט נישט געזען קיין שום סימנים פון צידקות, און אויך האט נישט אויסגעזען אז ער איז איינער פון די צדיקים נסתרים, אויב אזוי, האט מען געוואלט פארשטיין, וואס איז זיין כח פון בענטשן?

האט דער הייליגער בעל שם טוב זיי אנטפלעקט, דעם סוד פון אט דעם שיכור, אז ער איז געווען א גרויסער 'בעל תאוה', וועלכער איז שטענדיג

המשך אין עמוד ד' >

נאכגעגאנגען זיין געפערליכן תאוה, רחמנא ליצלן. איינמאל האט ער אויסגעפינען אז אין א ווייטע לאנד וועט ער קענען ערפילן זיין תאוה פארן גאר־הויכן פרייז פון פינף הונדערט גאלדענע רענדלעך, וואס איז געווען א ריזיגן פארמעגן! צוליב דעם געפערליכן פייער פונעם יצר הרע וואס האט געברענט אין אים, האט ער פארקויפט זיין גאנצן פארמעגן, און אויך דערנאך האט ער זיך נאך געדארפט אסאך פלאגן ביז עס איז אים געלונגען צו דערגרייכן דעם גאנצן סומע, און ער האט זיך ארויסגעלאזט אויפן ווייטן וועג כדי צו טון דעם שרעקליכן זינד.

אזוי פארנדיג מיט זיין פערד און וואגן, דורכגייענדיג איינער פון די דערפלעך, האט צו זיין אויערן דערגרייכט דעם קול פון א ביטערן געוויין, און א הארץ־רייסנדע געשריי פון יונגע קינדער. עס האט אים נישט לאנג גענומען געוואויר צו ווערן, אז דאס זענען דער ארענדער און זיין משפחה, וועמען דער רשעות'דיגער 'פריץ' האט אריינגעווארפן אין א שמאלן ענגן פארשטונקענעם גרוב, דערפאר וואס זיי האבן נישט באצאלט דאס וואס זיי זענען אים שולדיג געווען, אזוי ווי עס איז געווען דער שטייגער פון די פריצים אין יענע צייטן, אז זיי האבן געהערשט מיט גרויס אכזריות איבער זייערע אונטערטאנען, אן קיין שום משפט און גערעכטיגקייט.

זייער געוויין האט שטארק בארירט דעם אידישן הארץ פון ר' יעקב, און ווען ער האט געפרעגט וויפיל געלט זיי זענען שולדיג פארן פריץ, האט ער צו זיין גרויס וואונדער אויסגעפינען אז עס באטרעפט פונקטליך פינף הונדערט גילדן, גענוי ווי דער סומע וואס ער האט יעצט מיטגעברענגט מיט זיך צו ערפילן זיין פארבאטענעם וואונטש. גלייך האט זיך צופלאמט זיין אידישן פונק, און דער יצר האט ערוועקט אין אים די רחמנות געפילן וואס זענען איינגעווארצלט אינעם שורש פון א אידישע נשמה (יבמות עט.), און ער איז פול געווארן מיט א געוואלדיגן חשק צו מקיים זיין דעם געוואלדיגן מצוה פון ראטעווען א גאנצע אידישע משפחה פון טויט. – ער האט דעמאלטס געטראכט צו זיך מיט פארשטאנד און מיט שכל: די עבירה וועט דאך נישט ברענגען קיין שום פארדינסט. גארנישט מיט נישט! נאר א געוואלדיגע שאדן און פארלוסט, אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, און גלייך דערנאך וואס די תאוה וועט זיך ענדיגן, וועט ער דאך בלייבן אן גארנישט... אויב אזוי, פארוואס זאל ער אוועקווארפן אזא ריזיגע סומע געלט פאר אזא הארבע עבירה? עס וועט דאך אסאך בעסער זיין אז ער זאל טון פונקט דאס פארקערטע, און אריינכאפן אזא ריזיגע מצוה מיט אט די געלט!

דער מענטש איז גלייך געלאפן מיט זיין גאנצן געלט צום פריץ, און האט אלעס אויסגעגאסן אויפן טיש, באצאלנדיג דעם גאנצן חוב פון די משפחה ביז צו די לעצטע פרוטה, און ער האט ארויסגענומען די משפחה אויף דער פריי! זיי זענען געווארן אויסערזיך פון גרויס שמחה און גליק, און האבן אים באדאנקט פון די טיפענישן פון זייער הארץ. אזוי איז ר' יעקב געבליבן אן ארימאן, און ער איז געגאנגען און געקליבן נדבות פון שטאט צו שטאט.

אויבן אין הימל איז געווארן דערפון א גרויסן רעש, אז אנשטאט די הארבע עבירה וואס ר' יעקב האט געוואלט טון, האט ער זיך איינגעקויפט אזא ריזיגע מצוה פון ראטעווען א גאנצע אידישע משפחה! דעריבער, אין זכות פון זיין מסירת נפש צו ראטעווען אידישע קינדער אנדעם וואס ער האט זיי אפילו געקענט, איז נגזר געווארן אז ער וועט שטענדיג קענען העלפן אידישע קינדער דורך זיי בענטשן, און אלע ברכות וואס ער וועט בענטשן מיט זיין מויל פאר יעדן איד, וועלן מקוים ווערן.

פון דעמאלטס און ווייטער האט ער אנגעהויבן בענטשן אידן, און יעדער האט געזען אז זיינע ברכות ווערן מקוים, און מען פלעגט אים ברענגען צדקה־געלט כדי ער זאל זיי בענטשן מיט אלע ערליי ברכות מיט וואס זיי האבן געוואלט אז ער זאל זיי בענטשן, און פונקט אזוי ווי ער האט גוזר געווען, אזוי איז אלעס מקוים געווארן.

אבער וויבאלד ער איז נישט געווען קיין צדיק, האט ער נישט געוואוסט וויאזוי צו אכטונג געבן אויף זיינע ברכות אז זיי זאלן גיין נאר אויף גוטע געברויכן, און ער פלעגט אויך בענטשן רשעים מיט זייער רשעות, און אויך אין אזעלכע ענינים פון וועלכע עס האט געקענט ארויסקומען א חילול השם, רחמנא ליצלן. און עס איז געווארן א קטרוג אויבן אין הימל, מיט א טענה, אז עס איז נישט מעגליך אז צוליב די געוואלדיגע מצוה וואס ער האט געטון, זאל מען משפיע זיין אזעלכע זאכן פון וועלכע עס קען ארויסקומען חילול שם שמים, וויבאלד עס קומט אויס אז "יָצָא שְׂכָרוֹ בְּהֶפְסֵדוֹ".

דעריבער איז באשטימט געווארן, אז ער זאל זיין "שיכור" א גאנצן טאג, און דורכדעם וועט ער נישט קענען אויסנוצן דעם כח פון זיינע ברכות, וויבאלד עס איז אנגענומען אז פון הימל שענקט מען אבער מען נעמט נישט צוריק (גמירי משמיא מיהב יהבי משקל לא שקלי. תענית כה.). און דורכדעם וועט ער אויך נישט צוריקגיין צום שלעכטן וועג, און ער וועט אנקומען אויפן עולם העליון אן קיין עבירות, און וועט זוכה זיין צו באקומען זיין גרויסן שכר. – דעריבער, האט דער הייליגער בעל שם טוב אויסגעפירט, וועמען עס געלונג טראצדעם צו באקומען פון אים א ברכה, ווערט עס גלייך מקוים!

->•<-

אזוי זעט מען אויך ביים הייליגן יום טוב פורים וואס קומט באלד צו גיין, ווייל עס איז דאך דא א הלכה אין שולחן ערוך (סי' תרצד ס"ג): "כָּל הַפּוֹשֵׁט יַד נוֹתְנִים לוֹ", וואס דאס איז אויך מרמז כְּלַפֵּי מַעְלָה, אז יעדער איד וואס שטרעקט אויס זיין האנט צום אויבערשטן מיט א געבעט, וועט עס אנגענומען ווערן אויבן. וויבאלד דער אויבערשטער איז אליין אויך מקיים אלע זיינע מצוות, כידוע, און דער פסק פונעם שולחן ערוך איז מען אויך מקיים למעלה, אזוי ווי חז"ל זאגן "קִיְּמוּ לְמַעְלָה מַה שֶּׁקִּבְּלוּ לְמַטָּה" (מגילה ז.). אין דעם טאג ווערט זייער גרויס די געהויבנקייט און די ליבשאפט פון אידישע קינדער, און וואס זיי וועלן נאר בעטן, וועט זייער תפילה מקוים ווערן.

[אזוי ווי עס שטייט אין ספה"ק תורת חיים (תשא) אויפן פסוק (אסתר ט, כח): "וְהַיָּמִים הָאֵלֶּה נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים", אז אט די טעג האבן אין זיך א סגולה, אז ווי נאר מען דערמאנט א גוטע זאך אויף א איד, ווערט עס גלייך, און דאס איז דער פשט פון די ווערטער "נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים"].

נאר, וויבאלד אז נישט אלע מענטשן זענען אין די דרגה פון צדיקים, וועלכע קענען אפהיטן דעם געוואלדיגן כח פון זייער ברכה און תפילה אין דעם הייליגן טאג, און זיי וואלטן חלילה געקענט אויסנוצן דעם סגולה פונעם טאג אויך פאר אזעלכע זאכן וואס זענען נישט גוט און ערליך פאר אידן. דעריבער זענען מיר באפוילן געווארן אויף די מצוה פון די גרויסע שמחה, אז מען זאל פארמערן מיטן טרינקען וויין אין אט דעם הייליגן יום טוב, מער ווי אין אנדערע ימים טובים, כדי מען זאל פארלירן דעם דעת "עד דלא ידע", כדי מען זאל זיך נישט באנוצן מיטן כח פון אונזער ברכה און תפילה פאר אזעלכע זאכן וואס זענען נישט צום גוטן, אדער נישט לכבוד שמים [זע אין ספה"ק חידושי הרי"ם אויף פורים].

אצינד קענען מיר זען דעם געוואלדיגן גרויסקייט פון ישראל קדושים אין אט דעם הייליגן טאג, און זייער געוואלדיגן מסירת נפש צו טון נחת רוח פארן באשעפער. ווייל כאטש מען ווייסט גוט דעם סוד פארוואס מען דארף טרינקען וויין אין דעם יום טוב, וואס דאס איז כדי מען זאל פארלירן דעם דעת און מען זאל נישט קענען אויסנוצן דעם כח הברכה און בעטן און בענטשן פאר אלע געברויכן וואס מען דארף האבן. – איז מען זיך מוסר נפש, און מען איז מוותר אויף די אלע וואונדערליכע סגולות און דעם געוואלדיגן עת רצון וואס מען קען אלעס פועל'ן למעלה ולמטה, אפילו צו אויס'פועל'ן די גאולה שלימה, און מען געבט אלעס איבער פארן אויבערשטן, כדי צו מקיים זיין דעם פשוט'ן רצון פונעם אויבערשטן במסירת נפש, און זיך אנטרינקען מיט וויין עד לא ידע! – דאס אליין איז די געוואלדיגע מעלה פון מסירת נפש, וועלכע איז גרעסער און מער דערהויבן ווי אלע מעלות, און דערפאר איז מען זוכה צו א געוואלדיגע ברכה פון הימל ברוחניות ובגשמיות בפרטיות ובכלליות און צו ממלא זיין כל משאלות לבינו לטובה, עד ביאת גואל במהרה דידן אמן וכן יהי רצון.

["טיב המועדים – פורים", משתה היין]


# על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים • יוסף בן טילה רחא לרפו"ש • שרה שיינדל בת טילה רחה להצלחה בכל העניינים



יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173